NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13114

# ZIBN GUTE YOR

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ביבליאָטעק „שול־טעאַטער"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

י. ל. פּרץ

# זיבן גוטע יאָר

אינסצעניזירט פון ש. באַסטאָמסקי

MICROFORM

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1938

ביבליאָטעק „שול - טעאַטער"
רעדאַקטירט פון ש באַסטאָמסקי

י. ל. פּרץ

# זיבן גוטע יאָר

אינסצעניִרט פון ש. באַסטאָמסקי

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1938

Printed in Poland

I. L. Perec — „Zibn gute jor"

Inscenizowal — S. Bastomski

Druk. Ekspres, Wilno

אָ נ ט יי ל נ ע מ ע ר:

ט ב י ה — אַ טרעגער

ס ע ר ל — זײַן ווײַב

דאָס דײַטשל

| | | |
|---|---|---|
| בערל | } | צוויי טרעגער |
| יאַנקל | | |

| | | |
|---|---|---|
| יאָסעלע | } | טביהס קינדער |
| שיינדעלע | | |
| איציקל | | |

### דאָס ערשטע בילד.

אַ מאַרק. אַרום—קראָמען. אויפן פאָדערגרונט—דרײַ טרעגער: טביה, יאַנקל, בערל. זיי זינגען אַ ליד פון אַרבעטסלאָזע.

טביה: וואָס וועט דאָס זײַן? וואָס וועט דאָס זײַן?.. שוין האַלבער טאָג אַוועק און מע זעט נאָך גאָר קיין אָנהייב נישט.

בערל: איך האָב שוין אויך דעם אַנדערן טאָג אַ גראָשן נישט פאַרדינט.

טביה: הײַנט איז דאָך דאָנערשטיק, מע דאַרף דאָך פאַרדינען עפּעס אויף שבת... איך זאָל חלילה קיין פאַר־שטערטן שבת נישט האָבן. סערל מיט די קינדער זאָלן חס ושלום נישט דאַרפן הונגערן אום שבת...

בערל: און מענטשן יאָגן זיך, אײַלן זיך. קוקן זיך אַפילו אין אונ־דזער זײַט נישט אום. ווי מיר וואָלטן סלופּעס געווען...

יאַנקל: ברידער, שטיין אַזוי אין קיין תּכלית נישט. מע דאַרף זוכן אַן עצה.

בערל: נאַרישער מענטש, וואָס פאַר אַן עצה וועסטו זוכן? איך האָב שוין לענגער געפּרוּווט אַרײַנקוקן יעדערן אין די אויגן—גייען אָבער אַלע די אויגן אַראָפּגעלאָזט און מע קען קיינעמס בליק נישט כאַפּן... איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און גענומען שרײַען: „גזלנים, גיט כאַטש אַ קוק אויף מיר, איך בין דאָך אַ מענטש!"—האָט מען מיך אויסגעלאַכט און אָנ־גענומען פאַר משוגע.

יאַנקל: דעם שווערסטן קאַסטן וואָלט איך איצט געטראָגן ווי אַ פעדערל!.. איך וואָלט מיט אים געפלויגן ווי דאָס בעסטע פערד!..

(קוקן זיך אום. הייבן די היטלען, רײַבן די אויגן, מאַכן פאַרשיידענע אַנדערע באַוועגונגען—אפשר וועט זיי עמעצער באַמערקן און אַ רוף טאָן.

— עס קומט צו אַ ייִד. אַלע גיבן זיך אַ לאָז צו אים: – מע דאַרף עפּעס צוטראָגן?

דער ייִד: אַ קעסטל.

יאַנקל: אַ קעסטל?—איך טראָג!

בערל: וואָס עפּעס דו?—איך טראָג

טביה: איך...

ייִד: קיין דרײַ טרעגער דאַרף איך נישט. (צו די צוויי עלטערע) ס'איז נישט פאַר אײַערע כּוחות, אַ קעסטל פון 6-פּוד...

יאַנקל: און וואָס גיט מען דערפאַר?

ייִד: וואָס זאָל מען געבן? 20 קאָ־פּיקעס.

בערל: (שפּײַט אויס) זעקס פּוד פאַר צוואַנציק קאָפּיקעס...

יאַנקל: קומט, מירן זען (ביידע אָפּ).

(אין אַ ווײַלע אַרום גייט דורך יאַנקל מיטן קאַסטן אויף דער פּלייצע).

טביה: (מיט קינאה) אַזאַ קאַסטן! אַזאַ קאַסטן!.. אַט אַ מזל!

בערל: נו, מע דארף גיין ערגעץ אנדערשוווּ, אָפשר וועט זיך פּאַרט עפּעס וואָס מאַכן (אָפּ).

טביה (בלײַבט אַליין, זעצט זיך אויף אַ שטיין, פאַרטראַכט זיך).

(דורכן מאַרק גייען דורך 2 ייִדן)

דער ערשטער: וואָס איז דאָס געווען פאַר א רעדל דאָרט?

דער צווייטער: א טרעגער אוועקגעפאַלן.

דער ערשטער: געשטאָרבן?

דער צווייטער: דאַכט זיך.

דער ערשטער: וואָס? פון כאָלערע?

דער צווייטער: ווער ווייס?

דער ערשטער: אַז די קבצנים עסן זיך אָן מיט שדים ווייסן וואָס!..

אויפן מאַרק באַווײַזט זיך אַ דײַטשל, אָנגעטאָן ווי אַ יעגער-מיט אַ פעדער אויפן קאַפעלושל און אַ גרינעם אויפלאַג אויפן שפּענצער. דאָס דײַטשל גייט צו צו טביהן און רירט אים לײַכט אָן.

טביה (גיט זיך אַ כאַפּ אויף) וואָס וויל דער ליבער הער? עפּעס צוטראָגן?

דײַטשל: הער, טביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר פון מזל און הצלחה און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר.

טביה: (קוקט זיך אום שטאַרק פאַרוואונדערט, נעמט פונאַנדער די הענט מיט אַ שטומער פראַגע).

דײַטשל: ווילסטו — וועט דיר אויפשײַנען דײַן מזל נאָך דעם הײַנטיקן טאָג, און איידער עס וועט אונטערגיין די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפן די גאַנצע שטאָט מיט דער סביבה. אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אַן אָרעמאַן, ווי דו ביסט געווען.

טביה (נאָך מער פאַרוואונדערט, צו זיך): וואָס איז דאָ?.. א כּישופמאַכער?

דײַטשל: און ווילסטו — וועט די גוטע געבענטשטע צײַט קומען ערשט צום סוף פון דײַנע יאָרן, און דו וועסט אוועקגיין פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

טביה: (קומענדיק אַ ביסל צו זיך) מײַן ליבער דײַטשל, לאָז מיך געמאַך. וואָרעם איך בין, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער אָרעמאַן. איך האָב אויף שבת נישט און איך האָב דיר ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דײַנע עצות מיט דײַן טירחה.

דײַטשל: טביה, איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר באַלד זאָגן, ווען דו ווילסט האָבן די זיבן גוטע יאָר.

טביה (קומט נאָך מער צו זיך) ווייסטו וואָס, ליב דײַטשל? — אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין מיך נוהג בײַ יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אַן עצה צו האַלטן מיט מײַן ווײַב סערל, און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה נישט געבן.

דײַטשל: יאָ, דאָס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אַן עצה צו האַלטן מיט דער פרוי. איך ראָט דיר טאַקע, דו זאָלסט גיין פרעגן בײַ דײַן פרוי. איך וועל דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תשובה.

טביה (קוקט זיך נאָך אַ מאָל אום אין אַלע זײַטן פאַר זיך) קיין פאַרדינסט זעט

זיך מע ווי סע גיט. וואָס קאָן איך דאָ אָנווערן? (צום דײַטשל) גוט, איך וועל גיין אהיים פרעגן.

(לאָזט אַראָפּ די פּאָלעס און גייט אַוועק).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

---

דאָס צווייטע בילד.

אַ פרײַ פעלד. אויפן פעלד-אַ ליימען שטיבל. אין דרויסן-אייניקע שטוב-מכשירים. 3 קינדער (יאָסעלע, איציקל, שיינדעלע) שפּילן זיך אין זאַמד, דערזען דעם טאַטן, לויפן זיי צו צו אים.

יאָסעלע: טאַטע, איך קען שוין דעם א"ב!

שיינדעלע: און איך קען שוין שרײַבן. נאַ, זע! (שרײַבט אויפן זאַמד).

איציקל: און מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו לערנען די מעשה מיט יוספן. ווילסט, וועל איך דיר דערציילן?

יאָסעלע: טאַטע, האָסט געבראַכט אַ גוטע זאַך?

שיינדעלע: און פאַר מיר אויך!

טביה: וואַרט, קינדער. ס'וועט אַלץ זײַן, ס'וועט אַלץ גוט זײַן!

איציקל: (אומעטיק) טאַטע, איך קען שוין מאָרגן אין חדר נישט גיין.

טביה: וואָס איז, מײַן קינד?

איציקל: דער רבי האָט געבעטן שכר-לימוד. אָן שכר-לימוד טאָר איך שוין נישט קומען.

יאָסעלע: איך אויך ניט.

שיינדעלע: און איך אויך ניט.

טביה: ווילע קינדער, מײַנע קינדער! וואָס טוט מען אָבער, וואָס דער טאַטע זייערער האָט קיין פּרנסה ניט, וואָס ער איז אַזאַ אָרעמאַן!!

(פון שטיבל קומט אַרויס סערל).

סערל: שוין קוים דערוואַרט זיך אויף דיר, מײַן ליבער טביה!.. האָסט זיכער געבראַכט עפּעס אויף שבת.

טביה: ניין, סערל. זײַן ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פאַרדינסט נישט באַשערט.

סערל: (אומעטיק) גאָרנישט געבראַכט. גאָרנישט... ווי אַזוי וועלן מיר שבת מאַכן?..

טביה: זאָרג נישט סערל. דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דײַטשל און האָט מיר געבראַכט אַ מאָדנע בשורה. מיר איז באַשערט, זאָגט ער, זיבן גוטע יאָר און ס'ווענדט זיך אָן מיר, ווען די גוטע יאָרן זאָלן קומען: איצט, אָדער פאַרן טויט. בין איך דאָס געקומען צו דיר נאָך אַן עצה: ווען?

סערל: זאָל דאָס זײַן אֵליָהו הנביא אין געשטאַלט פון אַ דײַטשל? נישטאָ וואָס צו טראַכטן, טביה! גיי, מײַן ליבער מאַן, און זאָג דעם דײַטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר גלײַך, אויף דער רגע.

טביה: פאַרוואָס, סערל, מיינסטו אַזוי? נאָך די זיבן יאָר וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרעמע לײַט, און דעם יורד איז דאָך ערגער ווי אַ פּראָסטן אָרעמאַן?

סערל: פאַרזאָרג נישט, מײַן ליבער גוטער פרײַנד, די וועלט. דערווײַל נעם, וואָס מע גיט דיר, בפרט נאָך אַז מע דאַרף שכר-לימוד פאַר די קינדער. מע האָט זיי דאָך הײַנט אַהיים געשיקט.

טביה: יאָ, כ'האָב געהערט... איך פאָלג דיך, סערל, איך גיי. איך לויף צום דײַטשל מיט אַ קלאָרער תשובה.

טביה: (צו די קינדער) נו, קינדערלעך, זײַט געזונט. באַלד וועל איך קומען, וועט שוין אַלץ זײַן!

איציקל: מיר זאָלסטו ברענגען אַ בולקעלע!

יאָסעלע: און מיר אַ בײגעלע!

שיינדעלע: און מיר אַ נײַע קלײדעלע — איך קען דאָך שוין שרײַבן!

איציקל: און איך קען שוין די מַעשה מיט יוספן.

יאָסעלע: און איך אַ נײַע לידל. (זינגט)

(פאָרהאַנג).

———

דאָס דריטע בילד.

דעקאָראַציע פון דעם ערשטן בילד.

דאָס דײַטשל שטײט אויפן מאַרק אויפן זעלבן אָרט.

טביה: (גײט צו צו אים) נו, מײַן ליב דײַטשל, איך קום מיט אַ קלאָרער תּשובֿה. איך וויל די זיבן יאָר תּוך־כּדי־דיבור — גלײַך אויפן אָרט.

דײַטשל: רעכן נאָר איבער, טביה: הײַנט ביסטו אַ מענטש מיט כּוח און קאָנסט פאַרדינען, אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער... וואָ˝ וועט אָבער זײַן שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זײַן אַ יורד? אַזוי פֿיל כּוח צו דער אַרבעט וועסטו דאָך שוין אויך נישט האָבן!

טביה: הער, דײַטשל, מײַן ווײַב סערל וויל באַלד — ערשטנס, הײסט זי אויף שפּעטער נישט זאָרגן. און צווײטנס — האָט מען אונדז די קינדער פון חדר אַהײם געשיקט.

דײַטשל: נו, אויב אַזוי, גײ אַהײם, און אײדער נאָך דו וועסט קומען אין שטוב אַרײַן, וועסטו שוין זײַן אַן עושר...

טביה: הער נאָר, דײַטשל, און וואָס וועט זײַן נאָך די זיבן יאָר?..

דאָס דײַטשל ענטפערט ניט און פאַרשווינדט.

טביה קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן. קוועטשט מיט די פּלײצעס, מאַכט מיט די הענט און לאָזט זיך גײן פון מאַרק אַהײם.

(פאָרהאַנג)

———

דאָס פערטע בילד.

אין 7 יאָר אַרום. אויפן מאַרק. דאָס זעלבע בילד וואָס אין דער ערשטער סצענע. די דרײַ טרעגער זינגען דעם זעלבן ניגון.

יאַנקל: שטײן אַזוי איז קײן תּכלית נישט, מע דאַרף גײן זוכן עפּעס אַן עצה. קומט אין גאַס. אפֿשר וועלן מיר דאָרט עפּעס מאַכן.

בערל: קום, אפשר?..

יאַנקל: (צו טביהן) און דו, טביה?

טביה: איך גײ נישט, איך בלײַב דאָ.

(יאַנקל און בערל אָפּ).

טביה: הײַנט איז דער לעצטער טאָג... פֿײַל פון בױגן לויפט די צײַט. געשווינט זײַנען אַריבער די זיבן גוטע יאָר...

דאָס דײַטשל (באַווײַזט זיך און קומט צו צו טביהן) שָׁלום עֲלֵיכֶם, טביה!

טביה: עֲלֵיכֶם שָׁלום!

דאָס דײַטשל: הער, טביה, די זיבן יאָר זײַנען אַריבער... הײַנט פאַר נאַכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין שטוב און אַפילו דאָס גאָלד, וואָס איר האָט באַהאַלטן בײַ לײַטן.

טביה: פאַרפאַלן... מע דאַרף דאָס זאָגן מײַן ווײַב סערלען. חבֿל דאָס

עַשירות איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען בײַ איר אין דער האַנט.

סערל: (קומט אָן, אָרעם געקלײדעט ווי אַ מאָל, נאָר איר פָּנים שמייכלט).

טביה: אָט קומט זי טאַקע.

סערל: אַ גוטן מאָרגן אײַך, ליבער דײַטשל.

דײַטשל: אַ גוט יאָר דיר, סערל! דו ווייסט, סערל, די זיבן גוטע יאָר ענדיקן זיך?

סערל: וואָס הייסט זיי ענדיקן זיך? מיר האָבן קיין גוטע יאָר נישט אָנגעהויבן צו האָבן. מיר האָבן דאָס גאָלד קיין מאָל נישט געהאַלטן פאַר אונדזער אייגנס. ווײַל וואָס אַ מענטש פאַרדינט מיט זײַנע צען פינגער, דאָס איז זײַנס. און אַזוי עַשירות, וואָס קומט אָן שווייס און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פּיקָדון, וואָס זײַן ליבער נאָמען לאָזט איבער בײַ מענטשן אין די הענט פאַר אָרעמע לײַטס וועגן... מיר האָבן נאָר פון דעם גאָלד אויף שׂכר-לימוד גענומען. אונדזערע קינדער האָבן תורה געלערנט און פאַר יִרְאָה מעג מען מיט דעם גאָלד צאָלן.

מער נישט.. און אויב זײַן ליבער נאָמען האָט פון הײַנט אָן אַ בעסערן בַּעל פּיקָדון פאַר זײַן גאָלד, מהיכָה-תֵּיתָא — זאָל ער צונעמען און איבערגעבן אַן אַנדערן!

אליהו הנביא (דאָס דײַטשל) הערט אויפמערקזאַם אויס סערלס רייד. ער איז זייער צופרידן.

דײַטשל: גוט, גוט, מײַן ליבע פרוי. אַזוי וועט עס טאַקע זײַן. קיין בעסערער בַּעל-פּיקָדון איז נישט פאַראַן. די זיבן גוטע יאָרן וועלן זיך שוין בײַ אײַך נישט אויסלאָזן, כָּל זמַן דו מיט דײַן טביהן וועלן לעבן. (פאַרשווינדט).

טביה מיט סערלען בלײַבן שטיין שטאַרק פאַרוווּנדערט.

(עס קומען צו לויפן די קינדער מיט שטיקער גאָלד אין די הענט).

איציקל: טאַטע! מאַמע! מיר האָבן דאָס געפונען!

יאָסעלע: זעט, וואָס מיר האָבן געפונען!

שיינדעלע: איך אויך געפונען!

(טביה און סערל צענעמען די הענט און בלײַבן שטיין פאַרוווּנדערט)

